12 נאָוועמבער 1920



# [דע]ר וועלט פון טעאַטער און קריטיק

## „אין זיך" לעבט!*)

רעד. פון „קונדס":—

מיינע יונגע יאָהרען אַפּעלירען צו אייערע רעדאקטערישע עטיק און בעטען אייך פעסטצושטעלען, אַז דער „אין זיך" האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען און אַז „דער לעבעדיגער" האָט דאָס מאָל אַביסעלע געשטרויכעלט. אין זיין גרויסען געיעג ארויפצושטעלען זיך, ווי זיין שטייגער איז, אויף אַ נבלה און קראקען, האָט ער דאָס מאָל ניט געטראָפען און זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ גאַנץ לעבעדיגען אָרגאַניזם, וואָס טרייסעלט איהם אָפּ און זאָגט: פעטער, במחילת כבודך, אַביסעלע ווייטער!

ב'דאַנק אייך, הער רעדאקטאָר, פאַר ראטעווען מיין לעבען.

פריינדליך,
יעקב גלאטשיין,
אייזער פון די רעד. פון „אין זיך".

---

*) אזוי פארזיכערט איינער פון זיינע רעדאקטאָרען, און מיר זיינען צופריעדען עובר צו זיין אויף דעם אַלטען כלל: אַז מ'זאָגט טויט, זאָלסטו גלויבען.

זאָל זיין, אַז דער „אין זיך" לעבט. מיר, וואָס אַרבייטען ביי וויצען, פאַרשטעהען זיך אויף אַ וויץ...

רעדאקציע.